# יענטע מאַש: שטענדיק אויפֿן וועג

עלען קאַסעדי/ניו־יאָרק

יענטע מאַש (2013-1922) איז געווען אַ ריז צווישן מחברטעס אויף ייִדיש, אַ ווירטואָז ביַים באַשריַיבן די איבערלעבונגען פֿון גלות, היימלאָזיקייט און אַסימילאַציע, פֿון צופּאַסן זיך צו ניַיע ציַיטן און ניַיע ערטער. די העלדן אירע זיַינען שטענדיק אויפֿן וועג, אַלע מאָל אַריַינקומענדיק אָדער אַרויספּאָרנדיק ערגעץ ווו. „אויפֿן פּריסטאַן“ איז דער נאָמען פֿון איינער פֿון מאַשס דערציילונגען. אַ פּריסטאַן איז אַ דאָק, אַ פּונקט פֿון וואַנען מע שיפֿט זיך איַין אָדער זעצט זיך אַרויס. איך האָב גענומען אָט דעם נאָמען פֿאַרן טיטל פֿון דעם ניַיעם באַנד, *On the Landing: Stories by Yenta Mash*, אַ זאַמלונג פֿון מאַשס ווערק וואָס איך האָב אויסגעקליבן און איבערגעזעצט אויף ענגליש (אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג NIU, דעקאַלב, אילינוי, 2018). דאָס ביכל איז אַרויס אַ דאַנק דעם שטיץ פֿון דעם ייִדישן ביכער־צענטער אין אַמהערסט, מאַס׳.




ביַים היַינטיקן טאָג, בשעת אַזוי פֿיל מיגראַנטן און אַרויסגעשטויסענע זוכן אַ מקום־מנוחה איבער דער וועלט, זיַינען מאַשס ווערק שטאַרק רעלעוואַנט. מען קען זאָגן אַז מאַש איז אַזוי וויכטיק ווי אַנדערע אויסגעוואָרצלטע שריַיבערס וואָס באַהאַנדלען די טעמעס – אַזוי ווי דזשומפּע לאַהירי, וויעט טהאַן ווין (פֿאָנעטישער אַרויסרעד, אויסגעלייגט Viet Thanh Nguyen) און אַנדריי אַסימאַן. דאָס לייענען מאַשן הייסט אויספֿאָרשן אַ סך פֿאַרהוילענע ווינקלען פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין דעם 20סטן און 21סטן יאָרהונדערט. מאַש שפּרייט אויס אַ בויגן איבער קאָנטינענטן, איבער רעגירונגען, איבער אַלע תּקופֿות אינעם לעבן פֿון אַ פֿרוי, און אַלץ אין אַ ריַיכן ליטעראַרישן סטיל.

אין אַ רעצענזיע אין פֿאָרווערטס אין 2007, האָט איציק גאָטעסמאַן געשריבן: „מיט איר שפּראַך, סענסיטיווקייט, איַיזערנעם זכּרון און כּוח־הדמיון פֿאַרנעמט יענטע מאַש אַן אָנגעזעען אָרט אין אונדזער ליטעראַטור“.

ווי אַ מחברטע האָט מאַש געשעפּט פֿונעם ברונעם פֿון איר אייגענעם לעבן. ווי אַ סך ייִדישע שריַיבערס איז זי אויפֿגעוואַקסן אין אַ טראַדיציאָנעלער היים, מיט אַ טיפּישער דערציִונג. זי האָט געהאַט אַ ייִדישע דערציִונג און האָט געענדיקט אַ רומענישע שול. נאָך דער גימנאַזיע האָט זי געלערנט אין אַ פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אויף צו ווערן אַ לערערין. נאָך די שלווהדיקע קינדער־יאָרן אָבער האָט זי איבערגעלעבט אַ סך איבערקערענישן.

זי איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל זגוריצע, אינעם באַסאַראַבער ראַיאָן, היַינט מאָלדאָווע, לעבן דעם טיַיך נעסטער. מיטן אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די אַרמייען אי פֿונעם ראַטן־פֿאַרבאַנד אי פֿון דיַיטשלאַנד אי פֿון רומעניע געהאַלטן דעם ראַיאָן אין קלעם פֿון זייערע בלוטיקן פֿויסטן. אין 1941 האָט די סאָוועטישע מאַכט דעפּאָרטירט מאַשן, אין עלטער פֿון 19 יאָר, קיין סיביר, צוזאַמען מיט די עלטערן און מיט טויזנטער אַנדערע „בורזשוי“ און „שׂונאים פֿון פֿאָלק“. די דעפּאָרטאַציע האָט זיי געראַטעוועט פֿון טויט ביַי די הענט פֿון די נאַציס, אָבער אין לאַגער האָבן זיי שטאַרק געליטן פֿון הונגער און האָרעוואַניע. טאַטע־מאַמע זיַינען דאָרטן אומגעקומען.


יענטע מאַש (2013-1922)

אין 1948 האָט מאַש באַוויזן זיך אַרויסצוראַטעווען פֿון גולאַג און איז צוריקגעקומען קיין קעשענעוו, וואָס איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פֿון דער מאָלדאַווישער סס"ר. דאָרט האָט זי יאָרן לאַנג געאַרבעט ווי אַ בוכהאַלטער. זי האָט זיך באַטייליקט אין דער ריַיכער ייִדישער ליטעראַרישער סבֿיבֿה אינעם ראַיאָן, מיט די שריַיבערס יחיאל שריַיבמאַן, יאַנקל יאַקיר און מאָטל סאַקציער, צווישן אַנדערע. כאָטש זי איז געווען זייער פֿאַראינטערעסירט מיט דעם ליטעראַרישן לעבן האָט זי אָבער

אַליין גאָרנישט נישט אַרויסגעגעבן. פֿאַר וואָס? אפֿשר האָט זי זיך נאָך ניט געהאַט אויסגעשיילט פֿון די פּסיכאָלאָגישע און פֿיזישע ווונדן פֿון די יאָרן אין סיביר. אפֿשר האָט זי מורא געהאַט זיך צו אַנטפּלעקן צוליב איר סטאַטוס ווי אַ געוועזענע דעפּאָרטירטע. אפֿשר האָט זי געדאַרפֿט וואַרטן אויף אַ צײַט און אויף אַן אָרט ווו זי וועט קענען שרײַבן דעם אמת.




אין די 1970ער יאָרן האָט מאַש עולה געווען. אין ארץ־ישׂראל האָט זי סוף־כּל־סוף אָנגעהויבן שרײַבן דאָס וואָס איז יאָרן לאַנג בײַ איר געווען באַהאַלטן אין זיך. זי איז געווען שטאַרק פּראָדוקטיוו, און מען האָט זי תּיכּף געלויבט אי פֿאַר אירע ליטעראַרישע טאַלאַנטן אי פֿאַר איר פֿאַראייביקן די געוועזענע וועלט פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט. איר אויפֿטו איז טאַקע אָנערקענט געוואָרן בשעתּו: אין 1999 האָט זי באַקומען די איציק מאַנגער־פּרעמיע, און אין 2002 די דוד האָפֿשטיין־פּרעמיע. די האָפֿשטיין־זשורי האָט טאַקע באַמערקט: „אײַער שפּראַך, בילדערישקייט און דינער הומאָר איז זייער נאָענט צו דער מדרגה פֿון שלום־עליכם, אָבער מאָדערן און עקספּרעסיוו“. צווישן 1991 און 2007 האָט זי אַרויסגעגעבן פֿיר בענד דערציילונגען און עסייען. אירע ווערק האָט מען אָפּגעדרוקט אין פֿאַרשיידענע זשורנאַלן, צווישן זיי אַבֿרהם סוצקעווערס די גאָלדענע קייט, און איין מאָל אין פֿאָרווערטס („מאָנאַ לייזיע“, 16 מערץ, 2012).

אין דער הקדמה פֿון בעסאַראַבער מאָטיוון (1998) האָט מאַש געשריבן: „אונדזער אַמאָליקע בעסאַראַביע האָט פֿאַרלוירן ניט נאָר אירע ייִדן און ייִדישן קאָלאָריט, נאָר אַפֿילו דעם נאָמען אירן“. מיט איר שרײַבן, זאָגט זי, וועט זי אַרײַנלייגן „מײַן פֿאַרביק שטיינדעלע צו דער מאָזאַיִק“ פֿון קולטורעלן זכּרון.

מאַשס ערשטער באַנד, טיף אין דער טײַגע, (1990) הייבט זיך אָן מיט אַ דערציילונג וואָס הייסט „דער חתן־בוים“. דאָרט שרײַבט זי אַז נאָך עטלעכע יאָר זײַן אין סיביר איז אַ יונגע פֿרוי, אסתּרקע, צוריקגעפֿאָרן אין איר אַמאָליק שטעטל זגוריצע.

„ערשט אין אַ יאָר אַרום נאָכן אומקערן זיך פֿון סיביר האָט אסתּרקע געקאָנט זיך אויסקלויבן פֿאָרן אויף קבֿר־שטעטל, ווי מ׳האָט עס דעמאָלט גערופֿן...נישט וויינען! נאָר נישט וויינען. קוקן, זען און געדענקען. אין דעם ים ווילדע גראָזן האָט זי צום אַלעם ערשטן אָפּגעזוכט, ווי מ׳האָט איר אָנגעזאָגט, איסאַק קויפֿמאַנס קערניצע... איצט האָט די קערניצע זיך קוים אַרויסגעזען צווישן די בוריאַנעס... אסתּרקע האָט פֿאַרבויגן די שטעכלקעס, צוגעגאַנגען נעענטער און אָנגערירט מיט דער האַנט די קאָרבע“. (ז׳ 14)



געצייכנט פֿון רחל שמעוני, בעסאַראַבער מאָטיוון

מערסטע פֿון מאַשס דערציילונגען זײַנען אויף עפּעס אַן אופֿן אָפּטימיסטיש, אַפֿילו ווען זי מאָלט אויס גרוילִיקע סיטואַציעס. בשעת אירע העלדן פּאַסן זיך צו צו נײַע באַדינגונגען – סײַ אין שנייִיקן לאַגער, סײַ צו דער סאָוועטישער סיסטעם נאָך דער מלחמה, סײַ אינעם ניט שטענדיק פֿרײַנדלעכן לאַנד, ארץ־ישׂראל – באַשרײַבט מאַש די שווערסטע סיטואַציעס מיט אַלע מינדסטע פּרטים. זי ווײַזט אָבער אָן, ווי יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל האָט געשריבן אין אַ רעצענזיע אין דער צײַטונג לעצטע נײַעס (מײַ 1991), אַז:

> „אויך אין אַזאַ מאַקאַברישער סבֿיבֿה, אויך בײַ אַזעלכע גיהנום־באַדינגונגען, קענען ווײנען אונטער איין דאַך דאָס גוטע און דאָס שיינע, מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט פֿון איין לײַדנדיקן צום צווייטן, ווען דער אמת לעבט איבער דעם שקר... נישט איין מאָל דאַכט זיך אונדז, לייענענדיק דאָס בוך, אַז עס שײַנט דאָ אַרויס אַ מין באַזונדערע ליכטיקייט, אַ טראַגיש־אומגעווייִנלעכע – פֿון אָט דער גרויזיקער שטאָק־פֿינצטערניש“.

די געפֿאַנגענע פֿרויען אין די לאַגערן וועמען מאַש באַשרײַבט אין אַ צאָל דערציילונגען שאַפֿן נײַע באַציִונגען, זיי געפֿינען אין זיך אַן אינערלעכן כּוח, און זיי הערן קיין מאָל נישט אויף זיך צו ראַנגלען מיט גאָט. זיי הערן אויף גלייבן אין גאָט, נאָר זיי הערן ניט אויף זיך אויסצוטענהן מיט אים, און אָנצושרײַען אויף אים.

אַפֿילו ווען זיי זענען שוואַך פֿון הונגער באַווײַזן די פֿרויען צוצוגרייטן אַ פּסח־טיש. אין דער דערציילונג „אַ סדר אין דער טײַגע“, אינעם באַנד מיט דער לעצטער הקפֿה (2007), באַקן די געפֿאַנגענע „מצהלעך די גרייס ווי אַ גענעץ“ און עסן זיי מיט אַנדערע אימפּראָוויזירטע עסנס אויף דער סדר־קערה – „אַן אויסגעבעטענע אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפֿליע, אַ ביינדל פֿון גאָט ווייסט וואָס פֿאַר אַ חיה, אַ סאָסנאָווע שישקע אויפֿן אָרט פֿון אַן איי...“ (ז׳ 111)

די נאַראַטאָרשע גיט צו, אַז די הגדה אַליין האָט מען אימפּראָוויזירט:

„וואָס טויגן אונדז די ציטאַטן פֿון צוריק מיט טויזנטער יאָרן – וואָס ר׳ אליעזר האָט געזאָגט ... אָדער ר׳ בערל, צי ר׳ שמערל, ווען מיר קענען הערן די מומע גיטל און די מאַדאַם גלאַזער, די מאַדאַם גורוויץ און סאָניע שמוקלער, שיינדל געלמאַן און די מאַדאַם שוואַרצ־מאַן, זאָלן זיי אונדז דערציילן ווי אַזוי, אָן אַ פֿאַרוואָס און אָן אַ פֿאַרוועןָ, האָט מען זיך, אין אַ פֿינצטערער נאַכט, אַרייַנגעריסן און חרובֿ געמאַכט זייערע שטיבער און זייער משפּחה־לעבן“. (ז׳ 110)

אין דער סאָוועטישער מאָלדאַוויע בויט זיך די קהילה ווידער אַ מאָל אויף. דאָ, אַזוי ווי אין סיביר, מוזן מאַשס העלדן זיך ספּראַווען מיט נײַע באַדינגונגען און פּרוּוון גובֿר זײַן זייערע אַבֿדות.

אין אירע דערציילונגען וועגן ארץ־ישׂראל זעט מען ווי אַזוי די אימיגראַנטן מוזן זיך אַסימילירן אין דעם נײַעם לאַנד. מאַש באַווײַזט די רעאַליטעטן און די אומרויִקייטן פֿון די נײַ־אָנגעקומענע פֿון מיזרח־אייראָפּע. איינע אַ העלדין, אין „דאָס היטל“, אינעם באַנד משנה מקום (1993), זאָגט: „דאָרט האָט מען אונדז געהאַלטן פֿאַר רעשטלעך פֿון דער ‚פֿאַרפֿוילטער בורזשואַזיע‘, דאָ זענען מיר גלות־רעשטלעך“. (ז׳ 147)

אין דער דערציילונג „בײַם כּותל־המערבֿי“, אין דעם באַנד מיט דער לעצטער הקפֿה, פֿאָרן אַ באָבע מיט אירע אייניקלעך צו אָט דעם אַלטצײַטישן, הייליקן אָרט אין ירושלים. דאָרט איז די באָבע אומבאַקוועם צווישן דעם המון מענטשן אַרום זיך – נאָר דאָס קליינע אייניקל אירס איז אין גאַנצן באַקוועם. ווי מאָדנע איז עס, טראַכט זי, אַז דאָ אין לאַנד „[לערנען] קינדער ... די דערוואַקסענע אַ נײַעם פּרק אין ייִדישקייט“. (ז׳ 63)

„קיבוץ־גלויות“, אַ מעשׂה פֿונעם באַנד משנה־מקום, הייבט זיך אָן מיט אַ שפּאַציר דורכן מאַרק אין חיפֿה. די נאַראַטאָרשע איז אַ באַרעדעוודיקע פֿרוי, וואָס ווײַזט אָן אויף אַלע סוחרים מיט זייערע סחורות, אויף די קונדן און דער קאַץ וואָס לויפֿט אַזוי ווי אַ שאָטן אַהין און אַהער – אפֿשר אַ סימבאָל פֿון אומגליק. אין אָט דער מעשׂה, אַזוי ווי אין אַנדערע פֿון מאַשס דערציילונגען, ניצט זי סטראַטעגיש אַ צאָל לשון־קודשדיקע ווערטער, וואָס פֿירן איבער אירע לייענער פֿון דער לעבעדיקער גאַס גלײַך אינעם תּהום אַרײַן. (די פֿראַזע „קיבוץ־גלויות“ אַליין קומט פֿון דעם תּנך; דערמיט מיינט מאַש דאָס צונויפֿזאַמלען מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע קול־טורן אין ארץ־ישׂראל בײַם הײַנטיקן טאָג.) בײַם סוף פֿון דער מעשׂה ווערט אַ פֿאָרפֿאָלק ניפֿטר און מע פֿירט אַריבער זייער האָב־און־גוטס אין מאַרק אַרײַן, ווו די קונדן צעכאַפּן אַלצדינג מיט גוואַלד. די סצענע איז קאַפֿקאַעסקיש און שמעקט מיט גיהנום. אין דעם נײַעם לאַנד, וויל מאַש זאָגן, איז דער טעמפּ פֿון לעבן גיך און דערלויבט נישט קיין סענטימענטאַליטעט. דאָס וואָס טויט איז טויט – אין גאַנצן אויס.






פֿאַר מאַשן איז דאָס שרײַבן אויף ייִדיש געווען אַ ברירה. אַוודאי האָט זי אויך געקענט אַנדערע שפּראַכן, צווישן זיי רוסיש, רומעניש און שפּעטער עבֿרית. אַזוי ווי שלום־עליכם און אַ סך אַנדערע שרײַבערס, האָט מאַש זיך געהאַלטן בײַ מאַמע־לשון. צו דער ייִדישער שפּראַך איז ישׂראל אין די 1970ער יאָרן ניט געווען אַזוי גאַסטפֿרײַנדלעך. פֿאַר מאַשן איז ייִדיש אָבער געווען אַ פּאָרטאַטיוו היימלאַנד.

אין דער מעשׂה „אַריקה“, אין מיט דער לעצטער הקפֿה, רעדט די נאַראַטאָרשע אפֿשר פֿאַר מאַשן אַליין ווען זי זאָגט: „ייִדיש איז מײַן שפּראַך. מיט ייִדיש פֿיל איך זיך אין דער היים, ייִנגער און באַקוועמער, און די וואָס ווילן עס נישט פֿאַרשטיין, איז עס שוין זייער זאַך“. צו די שׂונאים פֿון איר באַליבטער שפּראַך טענהט זי ווײַטער: „נאָך אַלעמען, כּל־זמן מ׳האָט נאָך מיט אונדז צו טאָן, איז עס איינער פֿון די בעסטע באַווײַזן, אַז מיר זענען נאָך דאָ“. (זז׳ 73–74)

---

עלען קאַסעדי איז די איבערזעצערין פֿון *On the Landing: Stories by Yenta Mash* (פֿאַר־לאַג בײַם צפֿון־אילינויער אוניווערסיטעט, 2018). זי איז די מחברטע פֿון *We Are Here: Memories of the Lithuanian Holocaust*, און די איבערזעצערין, אין איינעם מיט ירמיהו אַהרון טאַוב, פֿון *Oedipus in Brooklyn and Other Stories by Blume Lempel*. וועגן איר קען מען זיך ווײַטער דערוויסן אויף: www.ellencassedy.com